אינפֿאָרמאַציע פֿאַר עלטערן און גארדיענס

# פולס אקסימעטרי סקרינינג פאר קריטישע קאנזשעניטעל הארץ קראנקהייט (Critical Congenital Heart Disease, CCHD)

## וואס באדייט א נידריגע רעזולטאט?



### וואס איז CCHD?

CCHD, אדער קריטישע קאנזשעניטעל הארץ קראנקהייט, איז א מעדיציניש צושטאנד. עס פאסירט ווען א בעיבי'ס הארץ אדער די הויפט בלוט אדערן נעבן די הארץ ווערן נישט ריכטיג געפארעמט. די הארץ וועט מעגליך נישט גוט ארבעטן און עס וועט מעגליך נישט זיין גענוג אקסיזשען אין די בלוט.

### וואס איז פולס אקסימעטרי?

פולס אקסימעטרי ווערט אפטמאל אנגערופן "pulse ox". עס ווערט גענוצט צו סקרינ'ן בעיביס פאר CCHD. די טעסט מעסט די מאס אקסיזשען אין די בעיבי'ס בלוט און זייער פולס ראטע. א נידריגע אקסיזשען שטאפל אין די בלוט קען מיינען אז די הארץ ארבעט נישט אזוי גוט ווי זי דארף. יעדע בעיבי וועלכע ווערט געבוירן אין ניו יארק סטעיט וועט האבן א פולס אקסימעטרי סקרינינג נאך 24 שעה פון לעבן.

## אייער בעיבי האט א נידריגע פולס אקסימעטרי ליינונג, וואס יעצט?

געוויסע בעיביס וועלן האבן א נידריגע אקסיזשען שטאפל ליינונג. א נידריגע אקסיזשען שטאפל מיינט נישט אייביג אז א בעיבי האט CCHD. געוויסע געזונטע בעיביס קענען האבן א נידריגע אקסיזשען שטאפל ליינונג בשעת זייער הארץ און לונגען טוען זיך איינגעוואוינען נאכ'ן געבורט. עס קען זיין אנדערע צושטאנדן וועלכע פאראורזאכן אייער בעיבי צו האבן א נידריגע pulse ox ליינונג.

אייער העלט קעיר פראוויידער וועט באשליסן אויב מען דארף מאכן נאך טעסטס. אייער בעיבי וועט מעגליך דארפן אן עקסרעי אדער אן עלעקטרא-קארדיאגראם ("EKG"), און/אדער אן אלטראסאונד. אן אלטראסאונד פון די הארץ ווערט אנגערופן א הארץ ווידערקול אדער עקא-קארדיאגראם.

אייער העלט קעיר פראוויידער קען רעפערירן אייער בעיבי צו א קינדער הארץ ספעציעליסט (קארדיאלאג) אדער אנדערע ספעציעליסטן.

## וואס איז אויב מיין קינד האט CCHD?

באהאנדלונג פאר CCHD איז פארשידן אבער עס קען אריינשליסן מעדיקעישן, מעדיציניש פראצעדורן, אדער אן אפעראציע. אייער קינד'ס מעדיציניש טיעם וועט רעקאמענדירן באהאנדלונג און דורכשמועסן אויסוואלן מיט אנדערע ספעציעליסטן. עלטערן זאלן זיין וואכזאם פאר ווארענונג צייכענס אזוויי א בלויע קאליר אויף די ליפן אדער הויט, קרעכצן ביים אטעמען, שנעלע אטעמען, עפענונג פון די נאז לעכער ביים אטעמען, שוואכע אפעטיט, עקסטרעמע מידיקייט, און שוואך צונעמען וואג. אויב אייער בעיבי האט סיי וועלכע פון די צייכנס, רופט אייער בעיבי'ס העלט קעיר פראוויידער זאפארט.

## ריסאורסן איבער קאנזשעניטעל הארץ פעלערן

**American Heart Association**
heart.org/en/health-topics/congenital-heart-defects

**צענטערן פאר קראנקהייט קאנטראל און פארמיידונג'ס (Centers for Disease Control and Prevention) נאציאנאלע צענטער פאר געבורט פעלערן און אנטוויקלונג דיסאביליטיס (National Center on Birth Defects and Developmental Disabilities)**
cdc.gov/heart-defects

**ניו יארק סטעיט דעפארטמענט פון געזונטהייט (New York State Department of Health)**
health.ny.gov/birthdefects